NEW

# לקוטי שיחות

PEKUDEI פקודי

VOLUME 1, P. 195–204

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# PEKUDEI I | פקודי א

Adapted from *sichos* delivered on *Shabbos Parshas Vayakhel,* 5711 (1951)
and *Shabbos Parshas Vayakhel-Pekudei,* 5718 (1958)

## Introduction

The Torah is characteristically precise; every word, and even every letter, carries significance. Nevertheless, in the portions *Vayakhel* and *Pekudei*, the Torah repeats – in meticulous detail – the instructions for building the Sanctuary that were already extensively described in the portions of *Terumah* and *Tetzaveh.*

What appears to be a redundancy, however, conceals a profound truth. The two pairs of readings do not involve a repetition. They are descriptions of two separate Sanctuaries. The structure of the Sanctuary detailed in the portions of *Terumah* and *Tetzaveh* was a spiritual Sanctuary that G-d showed to Moshe on Mount Sinai. By contrast, the Sanctuary described in the portions *Vayakhel* and *Pekudei* was a material Sanctuary, built by man in this world.

In the *sichah* that follows, the Rebbe focuses on why G-d's ultimate desire was fulfilled specifically through the physical Sanctuary. In doing so, he teaches us a fundamental lesson regarding our own Divine service – that our purpose is not fulfilled by transcending physical reality, but by elevating it and revealing G-dliness within our everyday lives, thereby infusing the mundane with spiritual depth and purpose.

# Where Heaven and Earth Meet

## When Every Word Counts

1. In Torah literature as a whole, and particularly in the Written Torah, every word and even every letter is precise and carefully calculated. Many laws are derived from individual words and sometimes from individual letters of the Torah. Nevertheless, in the *parshiyos Vayakhel* and *Pekudei*, the descriptions of the implements of the Sanctuary and the priestly garments – which were already described in minute detail in the *parshiyos Terumah* and *Tetzaveh* – are repeated, including all their specific fine points.

א. אִין תּוֹרָה בִּכְלָל, אוּן אִין תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב בִּפְרַט, אִיז יֶעדֶער וָוארְט אוּן אֲפִילוּ יֶעדֶער אוֹת בְּדִיוּק אוּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט. פִּיל הֲלָכוֹת וֶוערְן אָפְּגֶעלֶערְנְט פוּן אֵיינְצְלְנֶע װֶערְטֶער אָדֶער אֲפִילוּ פוּן אֵיינְצְלְנֶע אוֹתִיּוֹת פוּן תּוֹרָה. פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן וֶוערְט אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת וַיַּקְהֵל אוּן פְּקוּדֵי אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט דִי אוֹיסְפִירְלֶעכֶע בַּאשְׁרַייבוּנְג פוּן דִי כְּלֵי הַמִּשְׁכָּן אוּן לְבוּשֵׁי כְּהוּנָּה, וֶועלְכֶע זַיְינֶען שׁוֹין אֵיינְמָאל בַּאשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת אִין דִי פַּרְשִׁיּוֹת תְּרוּמָה אוּן תְּצַוֶּה.

Seemingly, the Torah could have stated briefly that the Jews made the implements for the Sanctuary and the priestly garments as G-d had commanded Moshe, and thereby saved many verses.

אִין פְּלוּג הָאט דָאךְ דִי תּוֹרָה גֶעקֶענְט זָאגְן בְּקִיצּוּר אַז דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי כְּלֵי הַמִּשְׁכָּן אוּן בִּגְדֵי כְּהוּנָּה וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה׳ן, אוּן אַזוֹי אַרוּם פַאַרְשְׁפָּארְן צֶענְדְלִיקֶער פְּסוּקִים?

## A Time for Brevity and a Time for Length

2. As mentioned, often laws are not stated explicitly in the Torah but, instead, are derived from individual letters or other details. The reason is that since these laws *can be* derived from a word or letter in the Torah that appears unnecessary, were they to be stated explicitly, doing so would be superfluous.

ב. דֶער טַעַם וָואס אַ סַךְ הֲלָכוֹת שְׁטֵייעֶן נִיט בְּפֵירוּשׁ אִין תּוֹרָה אוּן מֶען דַארְף זֵיי אָפְּלֶערְנֶען פוּן אֵיינְצְלְנֶע אוֹתִיּוֹת אִיז, וִוייבַּאלְד אַז מֶען קֶען וִויסְן דִי הֲלָכוֹת פוּן אַן אִיבֶּעריקְן וָוארְט אָדֶער אַן אוֹת אִין דֶער תּוֹרָה, אִיז אוֹיב זֵיי וָואלְטְן שְׁטֵיין בְּפֵירוּשׁ, וָואלְט דָאס דַאן גֶעוֶוען אַ יִתּוּר דְּבָרִים (אִיבֶּערִיקֶע רֵייד).

This is also the reason why many laws appear in the Mishnah only by allusion and are clarified and explained at length in the Gemara,[1]

דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער טַעַם וָואס אַ סַךְ דִּינִים שְׁטֵייעֶן אִין מִשְׁנָה בְּלוֹיז מִיט אַ

1. See *Taanis* 21a; *Rambam's* Introduction to his Commentary on the Mishnah, s.v. *achar kein ra'ah,* which emphasizes that points which are referred to by allusion in the Mishnah are expanded upon in the Gemara.

**for the wording of the Mishnah is concise in comparison to** that of **the Gemara.** In this instance as well, since **these laws can be derived from hints implicit in the style and precise wording of the Mishnah, were they to be stated explicitly, doing so would be superfluous. The same** principle **applies regarding the Gemara in relation to the** ***Rishonim***[2] **and the** ***Rishonim*** **in relation to the** ***Acharonim***.[3]

רֶמֶז און אִין גְּמָרָא זַיְינֶען זֵיי בַּאֲרִיכוּת[א], וָוארוּם מִשְׁנָה אִיז דָאךְ בִּלְשׁוֹן קְצָרָה לְגַבֵּי גְּמָרָא. אִיז אוֹיבּ מִצַּד דֶעם סִגְנוֹן און דִּיּוּק לְשׁוֹן הַמִּשְׁנָה קֶען מֶען אָפְּלֶערְנֶען דִּי דִינִים פוּן אַ רֶמֶז, וָואלְט זֵייעֶר שְׁטֵיין בְּפֵירוּשׁ, גֶעוועֶן אַ יִתּוּר דְּבָרִים. און אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גְּמָרָא לְגַבֵּי רִאשׁוֹנִים, און רִאשׁוֹנִים לְגַבֵּי אַחֲרוֹנִים.

**As such, the difficulty mentioned above is reinforced: Seemingly, the entire description of the construction of the Sanctuary in the** ***parshiyos Vayakhel*** **and** ***Pekudei*** **is superfluous.**

לוֹיט דֶעם, אִיז דִי דֶערְמָאנְטֶע קַשְׁיָא נָאךְ שְׁטַארְקֶער: אִין פְּלוּג אִיז דָאךְ דִי גַאנְצֶע בַּאשְׁרַייבּוּנְג פוּן מַעֲשֵׂה הַמִּשְׁכָּן אִין פַּרְשִׁיּוֹת וַיַּקְהֵל־פְּקוּדֵי אַ יִתּוּר דְּבָרִים?

## Same Words, Different Meanings

3. There is **a similar difficulty** whose **resolution** points to a **way to answer the** question raised here: **Why were the offerings of the** ***nesi'im*** **(the tribal leaders of the Jewish people) repeated twelve times with all their details in** ***Parshas Naso?*** **Seemingly, for each** ***nasi***, the Torah **could have stated that he brought the same offerings as the previous** ***nasi.***

ג. דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז אוֹיף דֶעם זֶעלְבְּן וועֶג ווִי דֶער תֵּירוּץ וָואס וועֶרְט גֶעגֶעבְּן אוֹיף אַן עֶנְלֶעכֶער קַשְׁיָא:

פַארְוָואס זַיְינֶען אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט גֶעוָוארְן דִי קָרְבָּנוֹת פוּן דִי נְשִׂיאִים אִין פַּרְשַׁת נָשֹׂא צְווֶעלְף מָאל מִיט אַלֶע פְּרָטִים, אִין פְּלוּג הָאט דָאךְ גֶעקֶענְט שְׁטֵיין בַּיי יֶעדֶער נָשִׂיא אַז עֶר הָאט גֶעבְּרַאכְט דֶעם זֶעלְבְּן קָרְבָּן ווִי דֶער פְרִיעֶרְדִיקֶער נָשִׂיא?

**The** reason for the repetition **is that** although every *nasi* brought the same items as an offering, while bringing **his offering, each** ***nasi*** sought to **accomplish different** spiritual **goals and draw down different** forms of Divine **influence, as alluded to in the Midrash on** ***Parshas Naso***.[4] **Therefore, the Torah could not state that he brought the same** offerings **because,** spiritually, the offerings were different. **Each one drew down a different** form of Divine **influence.**

דֶער תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז, אַז יֶעדֶער נָשִׂיא הָאט בַּיי זַיְין קָרְבָּן אוֹיפְגֶעטָאן אַנְדֶערֶע עִנְיָנִים, אַנְדֶערֶע הַמְשָׁכוֹת, ווִי ס'אִיז מְרוּמָּז אִין מִדְרָשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא[ב]. דֶערְפַאר קֶען נִיט שְׁטֵיין אִין תּוֹרָה אַז עֶר הָאט גֶעבְּרַאכְט אַזוֹי ווִי דֶער פְרִיעֶרְדִיקֶער נָשִׂיא, וָוארוּם יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוועֶן אַן אַנְדֶער הַמְשָׁכָה.

---

2. The term *Rishonim* (רִאשׁוֹנִים) refers to the early Torah scholars and rabbis who lived approximately between the 11th and 15th centuries. They played a crucial role in interpreting the Talmud and beginning the codification of Jewish Law.

3. The term *Acharonim* (אַחֲרוֹנִים) refers to the later Torah scholars and rabbis who lived from the 16th century onward, following the period of the *Rishonim*. The *Acharonim* further developed Talmudic interpretation and clarified Jewish Law.

4. See ***Bamidbar Rabbah*****, secs. 13-14ff. See** also ***Torah Or*****, p. 8b;** ***Likkutei Torah, Devarim*****, p. 98c.**

## Two Sanctuaries: One Spiritual and One Physical

**4. The issue regarding the *parshiyos Vayakhel* and *Pekudei* can be resolved in a similar manner: The Sanctuary described in the *parshiyos Terumah* and *Tetzaveh* that G-d commanded Moshe** to build **and the Sanctuary that the Jews** actually **constructed, as related in the *parshiyos Vayakhel* and *Pekudei*, allude to two distinct Sanctuaries. In the words of our Sages,[5] "a Sanctuary below" and "a Sanctuary above." Therefore,** the Torah **enumerates all the details again.**

**More specifically: The implements of the Sanctuary and the priestly garments first related** in the *parshiyos* of ***Terumah* and *Tetzaveh*** **were** communicated: **a) by G-d,** and **b) to Moshe. In particular, the advantage of** the descriptions of these articles being transmitted in this manner **is threefold:**

**a) The one who heard and received** G-d's **command** was **Moshe, a soul of *Atzilus*. In other words,** even **while he existed here on this lowly** material plane, it **was as if he was actually in the world of *Atzilus*.** As our Sages state,[6] **"The Divine Presence spoke from his throat."**

**True, all the souls originate in *Atzilus*. However, only their source is in *Atzilus*.**[7] As they exist in this world, their perception and orientation have become materially oriented. **In contrast, the "souls of *Atzilus*" operate on the level of *Atzilus* even while here below.**

**There is,** nonetheless, **a distinction between these souls and the *keilim*** ("vessels") **of *Atzilus*, as stated in** *Tanya*, ***Iggeres HaKodesh*,[8] "For**

ד. עַל דֶּרֶךְ זֶה קֶען מֶען פַאֲרֶענְטְפֶערְן דִי קַשְׁיָא וֶועגְן דִי סֶדְרוֹת וַיַּקְהֵל־פְּקוּדֵי:

דֶער מִשְׁכָּן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה'ן, ווִי עֶר וֶוערְט בַּאשְׁרִיבְּן אִין פַּרְשִׁיּוֹת תְּרוּמָה וּתְצַוֶּה, אוּן דֶער מִשְׁכָּן וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט לוֹיט ווִי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אִין פַּרְשִׁיּוֹת וַיַּקְהֵל וּפְקוּדֵי, זַיְינֶען מְרַמֵּז אוֹיף צְווֵיי בַּאזוּנְדֶערֶע מִשְׁכָּנוֹת, וּבִלְשׁוֹן רַזַ"ל[ה]: מִשְׁכָּן לְמַטָּן מִשְׁכָּן לְמַעְלָן, אוּן דֶערְפַאר רֶעכְנְט עֶר אוֹיס אַלֶע פְּרָטִים נָאךְ אַמָאל.

וּבִפְרָטִיּוּת: דִי כְּלֵי הַמִּשְׁכָּן אוּן לְבוּשֵׁי כְּהוּנָּה ווִי זֵיי זַיְינֶען צוּעֶרְשְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (תְּרוּמָה־תְּצַוֶּה) אִיז דָאס א) פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, ב) צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס דִי מַעֲלָה דֶערְפוּן וּבִפְרַט אִין דֶעם עִנְיָן – אִיז אִין דְרַיְיעֶן:

א) שׁוֹמֵעַ וּמְקַבֵּל הַדִּבּוּר, מֹשֶׁה, אִיז אַ נְשָׁמָה דַאֲצִילוּת, דָאס הֵייסְט אַז זַיְיעֶנְדִיק דָא לְמַטָּה אִיז עֶר גֶעוֶוען ווִי אִין עוֹלַם הָאֲצִילוּת מַמָּשׁ, אוּן ווִי דֶער מַאֲמַר רַזַ"ל שְׁכִינָה מְדַבֶּרֶת מִתּוֹךְ גְּרוֹנוֹ.

כָאטשׁ אַלֶע נְשָׁמוֹת נֶעמֶען זִיךְ דָאךְ פוּן אֲצִילוּת, אָבֶּער דָאס אִיז נָאר אַז זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ אִיז אִין אֲצִילוּת[ז], דַאקֶעגְן נְשָׁמוֹת דַאֲצִילוּת מֵיינְט – אַז אוֹיךְ לְמַטָּה זַיְינֶען זֵיי אִין דֶער מַדְרֵיגָה פוּן אֲצִילוּת.

כָאטשׁ עֶס אִיז פַארַאן אַ חִילּוּק צְווִישְׁן דִי נְשָׁמוֹת בִּיז דִי כֵּלִים דַאֲצִילוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין אִגֶּרֶת הַקֹּדֶשׁ[ח]:

---

5. ***Bamidbar Rabbah,* sec. 12:12, *et al.***

6. Note *Zohar,* Vol. III, p. 232a, 7a, 265a; *Shmos Rabbah* 3:15; *Vayikra Rabbah* 2:3; *Mechilta, Shmos* 18:19.

7. **See** *Likkutei Torah, Shir HaShirim,* p. 19a; ***Likkutei Sichos*, Vol. 1 p. 16.**

8. *Tanya, Iggeres HaKodesh,* **Epistle 20.**

**they" – referring to souls of *Atzilus* – "have already emerged and become separate from the *keilim*." Nevertheless,** these souls **still remain on the level of *Atzilus*.**

**b) The manner in which Moshe received** Divine **commands and prophecy** was unique, as reflected in the verse,[9] **"There has never again arisen a prophet in Israel like Moshe." There are two particular** aspects that reflect the uniqueness of Moshe's prophecy: **i) Unlike other prophets, "Moshe remained standing" while** receiving **prophetic revelation;[10] ii) Moshe's prophecy was on the level of *zeh*[11]** ("this"), direct perception, **rather than *koh*[12] ("thus").**

**This means that** while Moshe could receive his communication directly, while awake and upright, **the** other **prophets** had to lose their ordinary consciousness to receive a prophetic vision. Otherwise, **their physical bodies would have interfered with** their prophecy, **even** though all they received was an indirect **revelation of** the lower level of ***koh*. By contrast, Moshe's body was** able to serve as **a conduit even for the** lofty **level of *zeh*.**

c) Moshe **received** his vision of the Sanctuary **on Mount Sinai.[13] There he stood at a higher**

שֶׁכְּבָר יָצְאוּ וְנִפְרְדוּ מֵהַכֵּלִים (וועלכע זַיְינֶען שׁוֹין אַרוֹיס אוּן הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן כֵּלִים), וואס דָאס גֵייט אוֹיף נְשָׁמוֹת דַּאֲצִילוּת, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן זַיְינֶען זֵיי נָאךְ אַלְץ אִין דֶער מַדְרֵיגָה פוּן אֲצִילוּת.

ב) דֶער אוֹפֶן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעווֶען דֶעם דִּיבּוּר אוּן דִי נְבוּאָה – אִיז: וְלֹא קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל כְּמֹשֶׁה[ט]. אִין דֶעם גוּפָא זַיְינֶען פַאַראַן צְווֵיי פְּרָטִים: א) מֹשֶׁה עָמַד עַל עָמְדוֹ[י] בְּשַׁעַת גִילוּי הַנְּבוּאָה, נִיט ווִי אַנְדֶערֶע נְבִיאִים. ב) מֹשֶׁה'ס נְבוּאָה אִיז גֶעווֶען בִּבְחִינַת "זֶה" אוּן נִיט בִּבְחִינַת "כֹּה". דָאס הֵייסְט אַז בַּיי אַלֶע נְבִיאִים הָאט זֵייעֶר גַשְׁמִיוּת'דִיקֶער גוּף מְבַלְבֵּל גֶעווֶען אֲפִילוּ צוּם גִילוּי פוּן "כֹּה", אָבֶער בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז זַיְין גוּף גֶעווֶען אַ כְּלִי אֲפִילוּ צוּ בְּחִינַת "זֶה".

ג) מְקוֹם הַקַּבָּלָה אִיז גֶעווֶען אִין הַר סִינַי[יא], וואס דֶעמָאלְט אִיז מֹשֶׁה גֶעשְׁטַאנֶען

---

**9. *Devarim* 34:10.**

**10. *Rambam, Hilchos Yesodei HaTorah* 7:6.** In *halachah* 2 of that source, *Rambam* writes, "When any of the other prophets prophesy, their limbs tremble, their physical powers become weak, they lose control of their ordinary conscious functioning." It is because of the nullification of their ongoing conscious functioning that "their minds are free to comprehend what they see." In other words, their ordinary thinking processes would have interfered with the Divine power of their prophetic vision. By contrast, Moshe was able to comprehend G-d's messages to him while remaining within his ongoing level of consciousness.

11. The term *zeh* implies something seen directly, to the extent that one can point his finger at it and say, "This is it" (see *Shmos Rabbah* 23:15, *Rashi* on *Shmos* 15:2). Moshe began several of his prophecies with the words *Zeh hadevar asher tzivah Hashem…*, "This is what G-d commanded…" (*Shmos* 16:16, 32, 35:4, *et al.*). In other words, his perception of G-dliness was direct; he perceived the Divine message exactly as it was communicated.

12. Often, the prophets would begin their prophecies with the words, *Koh amar Hashem,* "Thus, G-d has spoken…." – "thus" meaning "in such a manner." In other words, to quote *Rambam* (loc. cit. 7:6), they would "perceive only metaphoric imagery and allegories"; they would not perceive G-d's word directly. To use the terminology employed by *Kabbalah,* their visions came via "a lens that is not luminous."

**13. *Zohar,* Vol. II, p. 159a. See also *Bamidbar Rabbah* 12:8. It appears that these interpretations differ with the Talmud, *Menachos* 29a,** which states that Moshe was only given instructions on Mount Sinai – not a vision of the Sanctuary. Later, when the Sanctuary was being actually constructed, he was shown a vision of only the Holy Ark, the Golden Table, and the *Menorah.*

***Iyun Yaakov* (*Menachos,* loc. cit., *Berachos* 55a)** notes *Rashi's* **question** raised in *Menachos,* loc. cit.: How

**spiritual level than he** did when **on this material plane. The proof is that there, "he neither ate bread nor drank water."**[14] True, **even after Moshe "descended from the mountain," his eating and drinking were different than** that of **other people.** Nevertheless, the fact that he did actually eat while on this physical plane indicates that his spiritual level was higher when he was on Mount Sinai.

אוֹיף אַ הֶעכֶערֶער מַדְרֵיגָה ווִי ווֶען עֶר אִיז גֶעווֶען לְמַטָּה, וְהָרְאָיָה: דָארְטְן אִיז דָאךְ לֶחֶם לֹא אָכַל וּמַיִם לֹא שָׁתָה[ט] (בְּרוֹיט הָאט עֶר נִיט גֶעגֶעסְן אוּן וואַסֶער נִיט גֶעטְרוּנְקֶען), כָאטְשׁ אַז אוֹיךְ נָאכְדֶעם ווִי משֶׁה "יָרַד מִן הָהָר" אִיז זַיְין עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען גֶעווֶען אַנְדֶערְשׁ ווִי בַּיי אַלֶע מֶענְטשְׁן.

**From all the above, it is understood that** the vision of **the Sanctuary** that Moshe saw **was not made of physical gold, silver,** or other material entities.[16]

פוּן דֶעם אַלֶעמֶען אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלֶעךְ, אַז אַזַא מִשְׁכָּן אִיז גֶעמַאכְט נִיט פוּן גַשְׁמִיוּת'דִיקֶע גָאלְד אוּן זִילְבֶּער וכו'.

**By contrast, the implements of the Sanctuary and the priestly garments that are described in** the *parshiyos Vayakhel* **and** *Pekudei* **were fashioned: a) by** the **Jews,** as they exist body and soul – **and the souls** of **most** of the Jewish people **are souls from the worlds of** *Beriah, Yetzirah,* **and** *Asiyah;*[16] **b) here, below,** on this physical plane; **c) from physical gold, silver, and copper, etc.**

אָבֶּער דִי כְּלֵי הַמִּקְדָּשׁ אוּן לְבוּשֵׁי כְהוּנָּה אַזוֹי ווִי זֵיי ווֶערְן בַּאשְׁרִיבְּן אִין וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי זַיְינֶען זֵיי גֶעמַאכְט גֶעווָארְן: א) דוּרְךְ אִידְן, וואָס רוֹב הַנְּשָׁמוֹת זַיְינֶען נְשָׁמוֹת דִּבְרִיאָה יְצִירָה עֲשִׂיָּה[יא], ב) דָא לְמַטָּה, ג) פוּן זָהָב וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת וכו' גַשְׁמִיִּים.

## G-d Desires the Earthly Sanctuary

5. Unquestionably, **there exists a great difference between** the Sanctuary as it existed in **potential** – in the vision shown to Moshe – **and the actual** Sanctuary, constructed by the Jewish people. **However, when was G-d's ultimate desire realized, and when was His promise,**[17] **"I will dwell among them," fulfilled? As the Midrash**[15] **states,** these goals were accomplished **specifically through the physical Sanctuary** described in the *parshiyos Vayakhel* **and** *Pekudei* **and not through the spiritual Sanctuary that was "shown on the mountain."**

ה. פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן, נִיט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם גְרוֹיסְן אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן דֶעם "בְּכֹחַ" אוּן דֶעם "בְּפוֹעֵל", אִיז ווֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעפִירְט דֶער תַּכְלִית הָרָצוֹן פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן ווֶען אִיז מְקוּיָּם גֶעווָארְן זַיְין הַבְטָחָה פוּן וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם? – דַוְקָא אִין גַשְׁמִיוּת'דִיקְן מִשְׁכָּן פוּן וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי אוּן נִיט אִין רוּחְנִיוּת'דִיקְן מִשְׁכָּן פוּן דֶעם "הָרְאֵתָ בָּהָר", ווִי עֶר זָאגְט אִין מִדְרָשׁ דָארְט.

---

can it be said that Moshe saw a vision of the Sanctuary in the spiritual realms when our Sages state that the Sanctuary in the spiritual realms did not come into being until the physical Sanctuary was erected in this world? **The** ***Zohar, loc. cit.,*** **both raises and answers that question,** explaining that Moshe saw a prophetic vision of the Sanctuary in the spiritual realms. However, in actual reality, the Sanctuary in the spiritual realms did not come into existence until the Sanctuary was actually constructed on the earth.

**14.** *Shmos* **34:28.**

**15. See** ***Bamidbar Rabbah*** **12:8,** which speaks of "**red fire,** green fire, black fire, white fire…."

**16. The** ***maamar*** **entitled** ***VeEleh HaMishpatim*** **in** ***Torah Or.***

17. *Shmos* 25:8.

What was the underlying dynamic motivating G-d's choice of the physical Sanctuary?

**"The Holy One, blessed be He, desired to have a dwelling place specifically in the lower realms."**[18] **As explained in *Tanya*,**[19] **this refers to this material world, below which there is none. Although it is physical, coarse, and moreover, a "doubled and redoubled darkness" prevails in it, as *Tanya***[19] **enumerates in detail, nevertheless – precisely because of this** inherent lowness – it is **in this world where** G-d's **ultimate intent is fulfilled.**[20]

**This** concept **provides a deeper understanding of a question raised** by our Rabbis. Commenting on the verse,[21] *Vehanesi'im heivi'u es avnei hashoham,* usually translated as, **"The princes brought** the *shoham* stones," our Sages[22] interpret the word *hanesi'im* not as "the princes," but as "the clouds." Their intent is that **the precious stones for** the priestly garments were brought by clouds. Commentators[23] ask: **Since** the stones **were** brought through **a miracle, how could they be used for the priestly garments?** The difficulty becomes even greater when viewed from a mystical perspective. **The entire purpose of the Sanctuary and the *Beis HaMikdash* was that they be fashioned specifically from physical objects.** Therefore, **none** of their elements **should have been** brought through **a miracle. Instead,** the manner in which they were obtained **should have been enclothed in** the garments of **nature.**[24]

וָארוּם נִתְאַוָּה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִהְיוֹת לוֹ יִתְבָּרֵךְ דִּירָה בַּתַּחְתּוֹנִים דַּוְקָא, אוּן ווִי עֶר זָאגְט אִין תַּנְיָא[יב], גֵייט דָאס אוֹיפְן עוֹלָם הַזֶּה שֶׁאֵין תַּחְתּוֹן לְמַטָּה מִמֶּנּוּ. כָאטשׁ עֶר אִיז אַ גַשְׁמִי אוּן אַ חוּמְרִי אוּן דֶערְצוּ נָאךְ אִיז דָארְט אַ חֹשֶׁךְ כָּפוּל וּמְכֻפָּל, ווִי עֶר רֶעכְנְט אוֹיס בִּפְרָטִיּוּת אִין תַּנְיָא, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן, אוּן מִצַּד דֶעם גוּפָא, פִּירְט זִיךְ אוֹיס דֶער תַּכְלִית הַכַּוָּנָה אִין עוֹלָם הַזֶּה דַּוְקָא.

– דֶערְמִיט אִיז בֶּעסֶער פַארְשְׁטַאנְדִיק דִי קַשְׁיָא וָואס מֶען פְּרֶעגְט אוֹיף דִי אֲבָנִים טוֹבוֹת וָואס דִי נְשִׂיאִים הָאבְּן גֶעבְּרַאכְט פַארְן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, ווִיבַּאלְד עֶס אִיז גֶעווֶען מַעֲשֵׂה נִסִּים[יג], ווִי אַזוֹי הָאט מֶען גֶעקֶענְט מַאכְן דֶערְפוּן בִּגְדֵי כְּהוּנָּה? דֶער גַאנְצֶער תַּכְלִית פוּן מִשְׁכָּן אוּן מִקְדָּשׁ אִיז דָאךְ, מֶען זָאל זֵיי מַאכְן פוּן דְּבָרִים גַשְׁמִיִּים דַּוְקָא – דַארְף דָאךְ דָאס נִיט זַיְין קֵיין מַעֲשֵׂה נִסִּים, נָאר עִנְיָנִים וָואס זַיְינֶען אָנְגֶעטָאן אִין טֶבַע.

## What a Generous Heart Can Accomplish

**6. The lesson for us** from the above **is that one**

ו. דֶער מוּסַר הַשֵּׂכֶל פַאר

18. *Tanya,* ch. 36, based on *Midrash Tanchuma, Parshas Naso,* sec. 16.

**19. Loc. cit.**

20. The intent of creation is for man to fashion a dwelling for G-d's Essence in this lowly material world. The spiritual worlds where G-dly light is revealed are not a conduit for G-d's Essence, for any revelation is defined, and G-d's Essence transcends any definition. As such, it is clear that the purpose of creation is to be fulfilled specifically in this physical world where there is no revelation of G-dly light. It is specifically such a place that provides a setting for His Essence to be manifest. See *Tanya*, ch. 36, the *maamar* entitled *Basi LeGani,* 5711, sec. 4, and *Likkutei Sichos*, Vol. 15, p. 248 (translated in *Selections from Likkutei Sichos*, *Bereishis*, p. 391ff). See also *Likkutei Sichos,* Vol. 6, p. 22ff. (translated in *Selections from Likkutei Sichos, Shmos,* p. 58ff).

21. *Shmos* 35:27.

**22. *Yoma* 75a;** *Targum Yonasan ben Uziel; Targum Yerushalmi* (cited by *Baal HaTurim*); and *Shmos Rabbah* 33:8. See *Likkutei Sichos,* Vol. 16, p. 425, footnote 14.

23. *Neizer HaKodesh* on *Yoma, loc. cit.* See also *Pardes Yosef* on the above verse; *K'li Chemdah, Parshas Vakhel,* sec. 5.

24. Regarding the permissibility of using the stones brought by the clouds according to *halachah*. See

**should not become disheartened, thinking, "How can I** possibly **carry out G-d's will and align myself with His sublime intent when I know my own** lowly spiritual **state?" Moreover,** the question is reinforced in light of the **doubled and redoubled darkness of the** present **bitter exile** in which **we are found.**

Despite this, a person should feel encouraged. **He should realize that G-d promises that if he** but **shows a "generous heart"[25] – meaning if he acts with** genuine **Jewish warmth and heartfelt dedication – then "I will dwell among them."[17]** In other words, **G-d will help him align himself with, and carry out, His sublime intent.**

אוּנְז אִיז, אַז מְ׳זָאל בַּיי זִיךְ נִיט זַיְין אַרָאפְּגֶעפַאלְן טְרַאכְטְנְדִיק ווִי קוּמְט מֶען צוּ טָאן אַ זַאךְ פוּן רָצוֹן הָעֶלְיוֹן אוּן מְכַוֵּן זַיְין צוּ דֶער כַּוָּנָה עֶלְיוֹנָה, בְּשַׁעַת מֶען ווֵייס אִין וָואס פַאר אַ מַצָּב מֶען שְׁטֵייט, אוּן בִּכְלַל גֶעפִינְט מֶען זִיךְ דָאךְ אִין חֹשֶׁךְ כָּפוּל וּמְכֻפָּל פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, – דַארְף עֶר זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אַז נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶעם, זָאגְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער צוּ, אַז אוֹיבּ מְ׳אִיז נָאר אַ נְדִיב לֵב, דָאס הֵייסְט, אַז מְ׳טוּט אַ זַאךְ מִיט אִידִישֶׁע וַוארֶעמְקַיְיט אוּן הַארְצִיקַיְיט, אִיז דַאן – וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוֹיסְפִירְן אוּן מְכַוֵּן זַיְין צוּ דֶער כַּוָּנָה עֶלְיוֹנָה.

## Unseen, Unknowable, Yet Fully Manifest

**7. The two Sanctuaries** – the Heavenly and the Earthly – **are alluded to in the opening verse of the Torah reading,[26] "These are the accounts of the Sanctuary, the Sanctuary of Testimony." Seemingly, it should have stated, "These are the accounts of the Sanctuary of Testimony." Why is the word Sanctuary repeated?** To highlight that **there are the two Sanctuaries – the Sanctuary that G-d showed to Moshe and the Sanctuary that the Jews built.**

**The word "testimony" does not appear in reference to the Sanctuary** mentioned in the **first** phrase, the Sanctuary **that G-d showed** Moshe**, but only in reference to the Sanctuary** mentioned in the **second** phrase, **the one built by the Jews.**

The explanation for the use of this term regarding the second Sanctuary depends on a point of *halachah.* **The concept of testimony applies specifically when a matter is unknown. When a matter is obvious, testimony is not required.**

ז. דִי צְווֵיי מִשְׁכָּנוֹת זַיְינֶען מְרוּמָּז אִין אָנְהוֹיבּ פוּן דֶער פַּרְשָׁה – אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדוּת. וָואס אִין פְּלוּג הָאט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין אֵלֶּה פְקוּדֵי מִשְׁכַּן הָעֵדוּת, פַארְוָואס שְׁטֵייט צְווֵיי מָאל מִשְׁכָּן? נָאר דָאס זַיְינֶען דִי צְווֵיי מִשְׁכָּנוֹת, דֶער מִשְׁכָּן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאווִיזְן צוּ מֹשֶׁה׳ן אוּן דֶער מִשְׁכָּן וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבּוֹיט.

דֶער וָוארְט "עֵדוּת" שְׁטֵייט נִיט בַּיי דֶעם עֶרְשְׁטְן מִשְׁכָּן, וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאווִיזְן, נָאר דַוְקָא בַּיי דֶעם צְווֵייטְן מִשְׁכָּן וָואס אִידְן הָאבְּן גֶעבּוֹיט.

דֶער עִנְיָן פוּן עֵדוּת אִיז דַוְקָא אוֹיף אַ פַארְבָּארְגֶענֶער זַאךְ. אוֹיף אַן אָפֶענֶער זַאךְ דַארְף מֶען קֵיין עֵדוּת נִיט

the commentaries (*Mitzpeh Eisan, et al.*) to *Tosafos, Menachos* 69b, s.v. *Chitin; Kli Chemdah. Shmos* 35:27–28; *et al.*

25. *Shmos* 35:5.

26. *Shmos* 38:21.

(For this reason, **although the testimony** of witnesses who saw the new moon **is required to declare a new month, when** the judges of **the court see the moon themselves, they may declare a new month without receiving the testimony** of witnesses. The rationale is that **"hearing [the testimony of witnesses] should not have greater weight than observing the matter [by oneself]."**[27] Since the judges saw the new moon, they do not require the testimony of witnesses to verify its appearance.)

**Moreover, even "a matter that will eventually become revealed" does not require testimony in a complete sense** to be substantiated in court.[28] **The entire concept of testimony is relevant only regarding matters** that would otherwise remain **unknown.**

**On this basis, we can understand why the word "testimony" appears specifically in reference to the second Sanctuary. There are two reasons for this:**

**a) The** second **Sanctuary was constructed by human hands from physical objects.** Inherently, **such a structure is not** an appropriate conduit through which **G-dliness** could be **revealed.** Therefore, **testimony regarding it is required. By contrast, the first Sanctuary was spiritual;** its G-dly qualities were **openly revealed** in the higher realms. Therefore, **no testimony regarding it was required.**

**b) It is specifically through the physical Sanctuary that** G-d's **Essence – which transcends all revelation and is utterly concealed – is drawn down.**[29]

**The Sanctuary that G-d showed Moshe was** characterized by the **revelation** of G-dly light; G-dliness was **drawn down,** Divine **radiance** shone forth, **and** spiritual energy **flowed. However,** G-d's **Essence** was

(דֶערְפַאר אִיז דָאךְ דֶער דִין אַז אוֹיף קִדּוּשׁ הַחֹדֶשׁ כָאטשׁ עֶס דַארְף זַיְין עֵדוּת, אוֹיבּ אָבֶּער בֵּית דִין הָאבְּן אַלֵיין גֶעזֶען דִי לְבָנָה, קֶענֶען זֵיי מְקַדֵּשׁ זַיְין דֶעם חֹדֶשׁ אָן קַבָּלַת עֵדוּת, דְלֹא תְהֵא שְׁמִיעָה גְדוֹלָה מֵרְאִיָּה)[יד], נָאךְ מֶער – אוֹיף מִלְּתָא דַעֲבִידָא לְאַגְלוּיֵי דַארְף מֶען אוֹיךְ נִיט קֵיין עֵדוּת גְמוּרָה[טו], דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן עֵדוּת אִיז נָאר אוֹיף אַ דָבָר הַנֶעְלָם (א פַארְבָּארְגֶענֶע זַאךְ).

לוֹיט דֶעם וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס דֶער וָוארְט "עֵדוּת" שְׁטֵייט דַוְקָא בַּיי דֶעם צְוֵוייטְן מִשְׁכָּן, אוּן דָאס אִיז צוּלִיבּ צְווֵיי טַעֲמִים:

א) דֶער מִשְׁכָּן אִיז גֶעוֶוען מַעֲשֵׂי יְדֵי אָדָם, אוּן פוּן דְבָרִים גַשְׁמִיִּים, וָואס עֶס אִיז נִיט אֱלֹקוּת בְּגָלוּי, דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם הָאבְּן עֵדוּת. אָבֶּער דֶער עֶרְשְׁטֶער מִשְׁכָּן, אִיז אַ רוּחְנִי, בְּגָלוּי, דַארְף מֶען אוֹיף אִים קֵיין עֵדוּת נִיט.

ב) דוּרְךְ דֶעם מִשְׁכָּן הַגַשְׁמִי דַוְקָא אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ עַצְמוּת וָואס דָאס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶע גִילוּיִים – אַ זַאךְ וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְבָּארְגְן[טז].

אִין דֶעם מִשְׁכָּן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאוויִזְן מֹשֶׁה'ן זַיְינֶען גֶעוֶוען גִילוּיִים, הַמְשָׁכוֹת, הֶאָרוֹת וְהַשְׁפָּעוֹת, אָבֶּער נִיט עַצְמוּת, דַאקֶעגְן אִין

27. ***Rosh HaShanah* 25b.**

28. ***Rosh HaShanah* 22b.** In that source, our Sages explain that although two witnesses must testify that they observed the appearance of the new moon, in one instance, the court instructed the people to mark a new month because one witness testified that the court in Jerusalem had sanctified the new moon. The Talmud explains that since the ruling of the court was "a matter that will eventually be revealed," i.e., become public knowledge, in this instance, they relied on this logic and did not require the testimony of two witnesses.

The same principle is also followed in several other instances of Jewish Law. See *Yevamos* 115a; *et al.*

29. **See *Sefer HaMaamarim 5700*, p. 51.**

**not** manifest. **By contrast,** the promise, **"I will dwell among them,"** was fulfilled **specifically in the physical Sanctuary that the Jews built. This means that** G-d's **Essence was drawn down** and manifest in that structure.

דֶעם מִשְׁכָּן וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבּוֹיט בְּגַשְׁמִיּוּת, דָארְטְן דַוְקָא אִיז גֶעוֶוען דֶער וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם, וָואס דָאס מֵיינְט הַמְשָׁכַת הָעַצְמוּת.

**True, the Sanctuary that the Jews built was constructed from physical objects. They took gold, silver, and copper – gold, silver, and copper in a literal,** physical **sense – and built a Sanctuary from them. Precisely this** – the construction of a Sanctuary amidst materiality – **is the fundamental point. As explained in** ***Chassidus*****,**[30] **"The essence of the Divine Presence was** manifest **in the lower realms"** – **not** merely Divine **revelations, but the Essence of the Divine Presence.**

כָּאטשׁ אַז דֶער מִשְׁכָּן וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעבּוֹיט אִיז גֶעוֶוען פוּן דְבָרִים גַשְׁמִיִּים, מְ'הָאט גֶענוּמֶען זָהָב כֶּסֶף וּנְחֹשֶׁת אוּן פוּן זֵיי אוֹיפְגֶעבּוֹיט אַ מִשְׁכָּן, גָאלְד אוּן זִילְבֶּער אוּן קוּפֶּער כִּפְשׁוּטוֹ;

אָבֶּער הִיא הַנּוֹתֶנֶת, ווִי עֶס וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין חֲסִידוּת, אַז עִיקַר שְׁכִינָה בַּתַּחְתּוֹנִים הָיְתָה, נִיט גִּילוּיִים, נָאר עִיקַר שְׁכִינָה"[ל].

## The Sanctuary and the *Shemoneh Esreh*

**8.** This concept **also explains a teaching in the** ***Talmud Yerushalmi,***[31] **"Every day, a person should recite the Eighteen Blessings... corresponding to the eighteen commands written in** the passage describing **the second Sanctuary."** The ***Talmud Yerushalmi*** **refers to the Sanctuary** described **in the** ***parshiyos Terumah*** **and** ***Tetzaveh*** as **"the first Sanctuary"** and **the Sanctuary** described **in the** ***parshiyos Vayakhel*** **and** ***Pekudei*** as **"the second Sanctuary." Since the phrase** "as G-d **commanded" appears eighteen times in** the description of **the second Sanctuary, we, therefore, recite eighteen blessings** in our daily *Shemoneh Esreh* prayers.[32]

ח. דֶערְמִיט וֶועט מֶען אוֹיךְ פַאְרשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין יְרוּשַׁלְמִי"[לא], בְּכָל יוֹם אָדָם מִתְפַּלֵּל שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה... כְּנֶגֶד י"ח צִיוּוּיִין שֶׁכָּתוּב בְּפַרְשַׁת מִשְׁכָּן שֵׁנִי. מִשְׁכָּן רִאשׁוֹן רוּפְט אָן דֶער יְרוּשַׁלְמִי דֶעם מִשְׁכָּן וָואס אִין פַּרְשַׁת תְּרוּמָה־תְּצַוֶּה. מִשְׁכָּן שֵׁנִי רוּפְט עֶר אָן דֶעם מִשְׁכָּן וָואס אִין פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל וּפְקוּדֵי. אוּן אַזוֹי ווִי אִין מִשְׁכָּן שֵׁנִי שְׁטֵייט אַכְצְן מָאל כַּאֲשֶׁר צִוָּה, דֶערְפַאר דַאווְנְט מֶען חַ"י בְּרָכוֹת.

**The** ***Talmud Yerushalmi*** **immediately addresses** an obvious question: **The phrase "as** G-d **commanded" appears nineteen times** in that context. Our Sages **answer, "[Count only the instances] from [the verse,]**[33] **'And with him was Oholiav ben Achisamach'**

בַּאוָוארְנְט דֶער יְרוּשַׁלְמִי בַּאלְד אוֹיפְן אָרְט: אִין פְּלוּג אִיז דָאךְ פַאַראן נַיְינְצְן מָאל כַּאֲשֶׁר צִוָּה, עֶנְטְפֶערְט עֶר דָארְט: וּבִלְבַד מִן וְאִתּוֹ אָהֳלִיאָב בֶּן אֲחִיסָמָךְ עַד

30. See the *maamar* entitled *Basi LeGani*, 5711 (*Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Basi LeGani*, Vol. 1, p. 6ff.; *Toras Menachem, Sefer HaMaamarim Melukat,* Vol. 2, p. 263ff.).

31. *Talmud Yerushalmi, Berachos* 4:3.

32. Later, the Sages added a nineteenth blessing. See *Rambam, Hilchos Tefilah* 2:1.

33. *Shmos* 38:23.

until the end of the book." In other words, we should count only those instances of the phrase "as G-d **commanded**" beginning with the verse **that refers to Betzalel and Oholiav together, but not the** first **that refers to Betzalel alone.**

**At first glance,** this passage raises several questions: a) **What is the connection between the eighteen blessings of** the *Shemoneh Esreh* **prayer and the eighteen instances of "as G-d commanded"? b) Why is prayer connected specifically with the second Sanctuary? And c) Why are only those** instances of "as G-d **commanded**" beginning with the one **that mentions Oholiav counted in relation to the eighteen blessings?**

**There is a further point that requires explanation: As is well known,[34] the word *tefilah* (prayer) is related to the concept of connection (as in the phrases,[35] *hatofel kli cheres,* "one who attaches [a lining to] earthenware vessels," and *naftuli niftalti* im achosi, "with bonds have I become attached** to my sister"[36]). **Prayer represents the connection and bond between the one who prays and G-dliness.** Therefore, **it** would seem to **share** a greater **connection with Betzalel, who was from the tribe of Yehudah, than with Oholiav, who was from the tribe of Dan, because: a)** The tribe **of Yehudah was the most elevated among the tribes. (As stated in the Midrash,[37] this is why Betzalel and Oholiav were specifically chosen** – to represent **the most elevated and the lowest of the tribes.) b)** The name **Yehudah (יְהוּדָה),** which **shares** its root letters **with the word *hoda'ah* (הוֹדָאָה),** "acknowledgment," **has a particular connection to the** *Shemoneh Esreh,*[38] for **the attachment to G-d achieved through prayer can come about only through the acknowledgment** of G-d **and *bittul*** ("self-nullification") to Him. **Why,**

סוֹפֵיהּ דְּסִפְרָא. דָאס הֵייסְט אַז מֶען רֶעכְנְט נָאר דֶעם לָשׁוֹן כַּאֲשֶׁר צִוָּה וָואס שְׁטֵייט בַּיי בְּצַלְאֵל אוּן אָהֳלִיאָב צוּזַאמֶען, אָבֶּער דָאס וָואס סְ'שְׁטֵייט כַּאֲשֶׁר צִוָּה בַּיי בְּצַלְאֵל'ן אַלֵיין, גֵייט נִיט אַרַיְין אִין חֶשְׁבּוֹן. אִין פְּלוּג אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק: א) וָואס אִיז דִי שַׁיְיכוּת פוּן ח"י בְּרָכוֹת פוּן תְּפִלָּה צוּ דִי ח"י מָאל כַּאֲשֶׁר צִוָּה. ב) וָואס אִיז דֶער פַארְבּוּנְד פוּן תְּפִלָּה מִיט מִשְׁכָּן שֵׁנִי דַוְקָא. ג) פַארְוָואס רֶעכְנְט מֶען כַּאֲשֶׁר צִוָּה אַנְטְקֶעגְן דִי ח"י בְּרָכוֹת נָאר וואו עֶס וֶוערְט דֶערְמָאנְט אוֹיךְ אָהֳלִיאָב.

